# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**משפטים**

## • לימוד מהפרשה

**לא תשא שמע שוא אל תשת ידך עם רשע להית עד חמס**

**לא תשא שמע שוא** – כתרגומו לא תקבל שמע דשקר אזהרה למקבל לשון הרע (רש"י)

**אל תשת ידך עם רשע** – הטוען את חבירו תביעת שקר (רש"י)

הרה"ק ר' מרדכי ראקעווער זצ"ל – א תלמיד פון דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע – איז געווען באקאנט מיט זיינע ווערטלעך. ווען ער איז געקומען די ערשטע מאל קיין לובלין איז ער צוגעגאנגען נעמען שלום פון דער הייליגער חוזה, האט ער געפרעגט "וואס מאכט דער רבי"? האט דער הייליגער לובלינער געענטפערט "מיר טוען גארנישט". (די רבי'ס פלעגן נישט זאגן "איך" נאר אנשטאט דעם א לשון רבים "מיר" אדער "אונז"). האט ר' מרדכי געענטפערט: "אויף גארנישט דארף מען נישט קיין שותף"...

עס גייט פרשת משפטים, איין וואך נאך יתרו – קבלת התורה. האט איר געהערט פון די ווערטער "נעשה ונשמע" ? אודאי, ווי שטייט עס ? "נישט" אין פרשת יתרו, דארט שטייט נאר "נעשה". די וואך סוף פון די פרשה שטייט "נעשה ונשמע". דער רמב"ן און דער אבן עזרא זאגן אז די ווערטער זענען געזאגט געווארן "נאך" פרשת משפטים, "נאך" דעם וואס משה רבנו האט אונז אויס געלערנט אלע הלכות.

עס זעהט עפעס אויס אז די אלע הלכות און לימודים פון "משפטים" האט אונז אויסגעפעלט צו קענען צוקומען צו די מדריגה פון מלאכים וועלכע זאגן אויך נעשה ונשמע. לאמיר אפלערנען צוויי הלכות און זעהן פארוואס איז דאס אזוי וויכטיג צו לערנען גלייך נאך קבלת התורה און צוקומען צו "נעשה ונשמע".

מיר האבן די וואך איין הלכה "לא תשא שמע שוא" – מ'טאר נישט מקבל זיין לשון הרע. אינטרעסאנט פארוואס עס שטייט נישט לא "תקבל", פארוואס שטייט לא "תשא" ?

אויך האבן מיר א הלכה "אל תשת ידך עם רשע" – מ'טאר זיך נישט צוזאמשטעלן און ארויסהעלפן איינער וואס זאגט פאלשע עדות, ער וויל ארויסציען געלט מיט פאלשע טענות.

יעדער איינער ווייסט נאכצוזאגן אלע דרשות אז "א איד איז באמת גוט", "יעדער איד איז אינעווייניג ריין" "יעדער איינער קען תשובה טוהן" וכדומה, אבער מיר קענען עס ביישטיין צו זאגן מיט איין תנאי... אויף יענעם. נישט אויף מיר אליין. *ווען דו זאלסט וויסן ווער איך בין באמת, מיינע פארפוילטע מדות, ווען דו זאלסט נאר וויסן וואס איך האב שוין אלץ אפגעטון אין מיין לעבן וואלסטו געוואוסט דעם "עמעס" אז איך האב שוואכע 'טשענסעס' צו טוען תשובה. עס איז דערנאך מיט מיר...*

פון ווי קומט עס טאקע ? פארוואס גלייבן מיר אז מיר זענען אזוי שלעכט ?

יעדער איינער פון אונז וואס האט אזעלכע מחשבות, (ביסט נישט אליין, רוב עולם האט די 'אישוס'...) איז נישט געבוירן געווארן מיט דעם. א בעיבי האט נישט קיין שלעכטע מחשבות אויף זיך אליין. ערגעץ ווי אין די אינגע יארן, האבן מיר - בהשגחה פרטית - געהערט עפעס א 'נעגאטיוו' ווארט און מיר האבן עס געגלייבט באמונה שלימה. צי האט מען עס געזאגט פאר אונז דירעקט, אדער האבן מיר אונטערגעהערט ווי איינער רעדט עפעס ווענן אונז פון וואס מיר האבן פארשטאנען אז "די מצב טויג נישט מיט מיר". אזוי ווי יעדע נסיון וואס מיר באקומען כדי עס בייצושטיין און באקומען שכר, איז דאס אויך נישט מער ווי א נסיון.

מיר טראגן זיך ארום מיט דעם באהאלטענערהייט, עס ליגט "באגראבן אין הארץ". דער גרויסער גנב, דער נחש הקדמוני, דער יצר "הרע" הייסט אזוי ווייל זיין ארבעט איז צו זאגן פאר דעם מענטש דו ביסט "רע". אונז צו בא'גנב'ענען פון אונזער אמת. מיר קענען ביישטיין נישט צו מקבל זיין לשון רע אויף "יענעם" אבער אויף מיר אליין איז א מצוה צו גלייבן ווייל עס איז "לתועלת"...

"תשא" מיינט "טראגן". מיר טראגן זיך ארום מיט פאלשע אמונות, פעקליך פול מיט לופט, ליגנט און גניבה. זאגט אונז די תורה "לא תשא" זאלסט דיך נישט ארומטראגן מיט "שמע שוא - פאלשע פעקלעך" און אמונות טפילות.

**מיר דארפן וויסן קלאר אז איז נישט "מעגליך" צו זיין א אמת'ער עובד השם אויב גלייבט מען אז מ'איז שלעכט.** מ'טאר נישט מקבל זיין לשון הרע אויף זיך, ווייל טאמער יא איז עס "להיות עד חמס", מיר גייען ווערן בארויבט ח"ו.

אל תשת ידך עם רשע, לייג דיך נישט צוזאמען מיט דעם יצר הרע. ער זוכט שותפים וועלכע זאלן ארומגיין מיט אים צו פארציילן די אלע שקרים אז מיר זענען "גארנישט". געדענק אז ער מיינט נישט דיין גוטס, ווער נישט זיין שותף ווייל "אויף גארנישט דארף מען נישט קיין שותף".

די וועלט זאגט "אז מ'טוט פאר יענעם טוט מען פאר זיך". עס גייט אויך פארקערט... "אז מ'טוט פאר זיך, טוט מען פאר יענעם". ווען דו וועסט באמת אויפהערן צו גלייבן 'נעגאטיוו' אויף זיך אליין, ווען דו וועסט גלייבן אז דו ביסט גוט באמת, וועסטו קענען טראכטן גוט אויף אנדערע "אמת'דיג".

## • מעשה

**אין עוד מלבדו**

עס האט פארציילט הרה"ח ר' חנא פריעדמאן נ"ו: ס'געווען א בחור וואס האט געלערנט אין א ישיבה קטנה אין בארא פארק, איין כתה יונגער פון מיר. דער בחור האט געהאלטן זייער שוואך אין ישיבה און די הנהלה האט געלאזט וויסן די עלטערן אז אויף די קומענדיגע זמן זאלן זיי מוחל זיין און טרעפן א נייע ישיבה.

די מאמע האט נאך אינמיטן זומער אים איינגעשריבן אין א ישיבה אין לאנדאן. דער ראש ישיבה, הרה"ג ר' חיים ברייש זצ"ל האט זיך נאכגעפרעגט אויף אים, און מ'האט טאקע נישט באקומען די בעסטע אינפארמאציע, דער ראש ישיבה האט געהאלטן אז ס'קען זיין שעדליך אריינצונעמען דעם בחור, בפרט אז עס איז דא א דארמיטארי וכו' און די ענטפער איז געווען "לא נתקבל".

די מאמע פון דעם בחור האט גערופן נאכאמאל פרעגן צו מ'קען אפשר אויסארבעטן יא אנצונעמען די בחור, און די ענטפער איז ווי פארשטענדליך געווען "ניין". חול המועד סוכות רופט זי דעם ראש ישיבה, וועלכער איז געווארן זייער נערוועז, ער האט זיך גענומען שרייען פארוואס פארברענגט איר די צייט, עס איז שוין "חול המועד" ! איר קענט דערווייל טרעפן אנדערע ישיבות, וואס ווילט איר, איך האב אייך שוין געזאגט אסאך מאל אייער זוהן האט נישט קיין פלאץ ביי אונז אין ישיבה!...

ר' חיים ברייש האט זיך למעשה געפילט זייער שלעכט, כאטשיג אז שכל'דיג האט יעדער פארשטאנען אז דער בחור באלאנגט נישט דא, ער האט צו זיך געטראכט "אויב וועט זי רופן נאכאמאל נאך אזא טעלעפאן געשפרעך, וועל איך אים יא אננעמען". אויב זי וועט טוהן אזא מין "משוגעת", וועל איך אויך טוהן א "משוגעת" און אריינגעמען דעם בחור.

די נעקסטע טאג רופט זי נאכאמאל פרעגן... צו מ'קען אריינגעמען איר בחור... זאגט ער איר: אייער זוהן איז אנגענומען. נאר איך וויל וויסן פארוואס איר האט נאכאמאל גערופן נאכדעם וואס איך האב אייך נעכטן אזוי אנגעשריגן ?

זאגט די מאמע איך וועל אייך זאגן דעם אמת. נעכטן נאכדעם וואס אראפלייגן די טעלעפאן האב איך מיך געשפירט אזוי צובראכן, נאכן אזויפיל מאל רופן האב איך געוואוסט אז עס איז דערנאך. איך בין אריבער צו הרה"ק ר' הערשעלע ספינקער (זצ"ל) און דערציילט די גאנצע מעשה. פרעגט ער מיך, פארוואס האט איר לכתחלה פרובירט יענע ישיבה? האב איך אים געזאגט איך האב עפעס א קרוב וועלכער איז היימיש דארט, בקיצור עפעס א גאנצע פראטעקציע און דערפאר האב איך גערעכנט אז מיין בחור קען אהינגיין. פרעגט ער מיר: למעשה האט עס געהאלפן? זאג איך ניין מ'וויל גארנישט הערן. פרעגט דער רבי ווייטער: איר האט נאך איינעם וואס קען ארויסהאלפן דארט ? זאג איך ניין. זאגט ער יעצט אז איר האט נישט קיינער, קענט איר זיך נאר פארלאזן אויפן גרויסן באשעפער, רופט נאכאמאל.

## *א גוט שבת*